פרייז 6 העלער (3 קרייצער).

יאהרגאנג I. (Kraków 27. października 1905) קראקוי כ״ח תשרי תרס״ו נומער 3.

53154

1732

# דער יוד

## א צייטונג פאר'ן יודישען פאלק

ערשיינט יעדען פרייטאג פריה אין קראקוי.

„Żyd“, gazeta dla ludu żydowskiego.

Wychodzi co piątek. — Prenumerata: kwartalnie 1 Kor. — Nr. pojedynczy 6 hal.

אבאנעמענטס־פרייז מיט פארטא: פירטעליעהרליך 1 קראנע, האלביעהרליך 2 קראנען, יעהרליך 4 קראנען. — פרייז פיר אנאנסען: פיר יעדער שורה פעטיט אדער איהר פלאץ 12 העללער. — פערלאבונגסאנצייגען 2 קראנען.

מאנוסקריפטע ווערען נישט צוריקגעשיקט

די אדרעסע פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Żyd (der Jud) Kraków, Jasna 6.
געלד צו שיקען אויף דער אדרעסע:
Dr. L. Goldwasser, Kraków, Plac WW. Świętych 8.

איינצעלנע נומער קאסטעט 6 העללער.

## קהל און די פארטייען.

פון

דר. חיים הילפשטיין.

א קורצע צייט פאר די וואהלען אין דער קולטוסגעמיינדע טרעטען געוועהנליך אויף פערשיעדענע פערזאנען, פיי יודען סיי מענשען פון יודישער „אבשטאמונג“ און ווילען זאגען א דעה אין קהל־זאכען. דא ערשט נישט לאנג פלעגען ביי קולטוס־וואהלען צו קעמפפען צוויי פיינדליכע פארטייען. פון איין זייט די ארטאדאקסע, הסידישע פארטיי און פון דער אנדערער זייט די אויפגעקלערטע, די אסימילאנטען. מילא די ערשטע, די חסידים האבען טאקי נישט אין גאנצען אונרעכט, וואס זיי פערלאנגען א חלק אין דער קהלס־שטוב. זיי זעהען אין קהל א ריין רעליגיעזע איינריכטונג, וואס איהר צוועק איז, די רעליגיעזע בעדירפניסע פון די יודען צו בעפריעדיגען. אבער די אנדערע, די כלומר'שט אויפגעקלערטע אסימילאנטען האבען, דאכט זיך, אפילו נישט קיין שאטען פון רעכט. ווארום זיי זאגען דאך אליין און זענען מודה, אז זיי דארפען נישט קיין רעליגיעזע זאכען און איינריכטונגען. קאן דאך נישט אנדערש מעגליך זיין, נור, אז זיי זענען יודיש־נאציאנאל, זיי בעטראכטען זיך אלס קינדער פון דעם יודישען פאלק און ווילען זייער פאלק דיענען, נישט קוקענדיג דארויף, צו די יודען גלויבען צו ניין. דאס וואלט געוועזען רעכט, און גאר שיין פון זייער זייט. וואס טהוט מען אבער, אז זיי שרייען אליין: מיר זענען נישט יודיש־נאציאנאל, מיר בעטראכטען זיך נישט פאר קינדער פון דעם יודישען פאלק, נור פאר „אנגעהעריגע“ פון דעם פאלק, וואס מיר לעבען צווישען איהם. נו רבותי, אויב איהר זענט אליין מודה, אז איהר האט קיין שום שייכות נישט צו קהל, נישט אין רעליגיעזער און נישט אין נאציאנאלער בעציעהונג, וואס־זשע ווילט איהר פון קהל? קיין תירוץ דארויף האבען די אסימילאנטען קיינמאל נישט געגעבען און די קשיא בלייבט קשיא ביז אויפ'ן היינטיגען טאג.

פלוצום איז אויפגעטרעטען א נייע פארטיי, די ציוניסטישע. מיט שטורם האבען די ציוניסטען אנגעהויבען צו קלאפען אין דער טהיר פון דער קהל־שטוב און האבען פערלאנגט, מען זאל זיי אריינלאזען. די ציוניסטען זעהען אין קהל די איינציגע יודישע אויטאנאמע איינריכטונג, ד. ה. אט די איינציגע איינריכטונג, וואו יודען האבען איבער זיך אליין צו שאפען, און דערפאר פאדערן די ציוניסטען, אז אין קולטוסגעמיינדע־שטובעל זאלען נור זיצען אמת'ע, געטרייע און נישט אבגענארטע יודען, יודען א מיט'ן פולען מויל“.

קהל — זאגען די ציוניסטען — איז נישט נור אויף דעם געמאכט געווארען, ער זאל פערזארגען די פרומע געמיינדעמיטגליעדער מיט די רעליגיעזע נויטווענדיגקייטען, נור אויך צו דעם צוועק, אום צו פערזארגען דאס יודישע פאלק מיט אלעם, וואס פאר'ן פאלקסלעבען איז נייטיג. די אויפגאבע פון דער קולטוסגעמיינדע איז נישט נור צו געדענקען אן דער מקוה און דעם שוחט; זי דארף אויך וויסען, אז זי איז די איינציגע פערטרעטערין פון דעם יודענטום אקעגען די נישט־יודען, און האט די פפליכט אכטונג צו געבען דארויף, אז דער עקזיסטענץ פון די יודען זאל נישט דראהען קיין שום סכנה. און ווי באלד זי דערזעהט אזא געפאהר, דארף זי דורך איהר מוטהיג און ענערגיש אויפטרעטען די געפאהר אבווענדען און פערהיטען דעם שאדען בייציטענס. לסוף מוז אויך די קולטוסגעמיינדע שטרעבען די יודען בייצושטעהען אויף יעדעם געביעט, און סיי געזעלשאפטליך, סיי קולטורעל זיי צו ניצען.

אט די גערעכטע פאדערונג פון די ציוניסטען האט איבערגעשראקען שטארק דו ביזהעריגע „רעגיערערס“ און „פערטרעטערס“ פון די יודען.

די חסידים האבען אנגעהויבען צו שרייען געוואלט: די רעליגיאן, דאס דת איז אין א גרויסער סכנה, ווייל די ציוניסטען פערלאנגען, אז מען זאל די קינדער יודיש־נאציאנאל ערציעהען. „ביז אויף דעם היינטיגען טאג — אזוי שרייען די חסידים — האט קיינער פון אונז נישט געהערט און נישט געזעהען, קיין יודיש־נאציאנאלע ערציעהונג און עס איז אונז ב״ה גוט געוועזען, מיר זענען געוועזען צופריעדען. וואס ווילען זיי איצט פון אונז? לאמיר זיי ליגען אין חרם אריין און אויף דעם אופן וועט דאס פאלק זיין פאר זיי געווארנט.“

די „פארטשריטליכע“ אסימילאנטען ווידער, וואס זיצען זיך מיט זייער יודענטום שטיל אין דער היים און דאנקען גאט, וואס מען דערמאנט זיי נישט דאראן און וואס מען ווארפט זיי נישט פאר, אז זיי זענען יודען—אט די העררען האבען פלוצים דערזעהען, אז די ציוניסטען ווילען זיי צוטשעפען דעם „פלעק“, און ווילען זיי אנהענגען דאס אלטע „פעקעל“, וואס זיי האבען געמיינט עס באלד פטור צו ווערען. זיי האבען אנגעהויבען ציטערן פאר דעם שרעקבילד, בפרט אז מען האט זיך נישט געשעמט און נישט מורא געהאט פאר זיי און צו זיי געשריעגען אויף'ן הויכען קול: „פאלקס־פעררעטער, פאלקס־אבנארער, וואס איהר לאזט שטעהען אייער אייגען פאלק און לויפט צו אנדערע פעלקער, גלייך אייער פאלק דארף נישט קיין הילף און קיין שטיצע“!.

זיי פלעגען טענה'ען, אז די יודענפראגע איז געלעזט און פערענטפערט, והראיה, אט זעהט, אז זיי זענען גליקליך און צופריעדען. איצט אויב זיי דערמונטערן זיך אביסעל פון דעם ערשטען שרעק, שרייען זיי צו די ציוניסטען: איהר אליין זענט פעררעטער, ווייל איהר פערראט דאס פאלק, ביי וועלכען מיר זענען איצט. איהר פערראט די דייטשען אין דייטשלאנד און די פאליאקען אין גאליציען, איהר מאכט אן א שנאה צווישען יודען און גוים (ווען נישט די ציוניסטען, וואלטען זיי דאך געוועזען הארצעניו־לובעניו?!), די יודען זענען גאר נישט אין א אויסנאהמסלאגע, זיי ליידען נישט דאפעלט אלס מענשען און אלס יודען, נור זיי ליידען איינפאך גלייך מיט אלע מענשען“.

אוי, ווי זענען זיי מיט בלינדקייט געשלאגען! זיי קענען שוין נישט באגרייפען און שעצען א אידעאל, וואס גרייכט נור ווייטער ווי זייער נאז! און עקזיסטירען דען פאר זיי איבערהויפט אידעאלע, ווען עס האנדעלט זיך וועגען יודישען פאלק? זיי האבען הערצער פול געפיהל פיר אלע ליידענדע, נור פאר זייערע ברידער נישט. זיי, וואס שפארען נישט קיין מיה און קיין געלד אויף אלגעמיינע צוועקע, פון זייערע „נעהנטסטע“ וועגען האבען זיי גאר נישט אדער זיי רעדען זיך איין, אז זיי קומען אב דעם

לעזט און פערשפרייט דעם „יוד“.

נאָך מענליך ? !) אזוי זאָלען זיי נישט רעדען מיט קיין מגונה שפּראַך. צווייטענס קען מען אויף יודיש נישט אויסדריקען קיין הויכען געדאַנק (מען זעהט בחוש, אַז דער דר. נוסבוים איז אַ „געבילדעטער" מענש, וואָס נעמט נישט קיינמאָל חלילה קיין זשאַרגאָן־בוך אין דער האַנד אריין). און דריטענס קומען די יודען דורך דעם זשאַרגאָן צו נאָך גרעסערע עבירות: זיי הייבען אָן דייטש צו רעדען (אודאי, העד דר. נוסבוים, אַז קאַליע דייטש הייסט ביי אייך יודיש. מיר זשאַרגאָן־יודען ווייסען אָבער דעם חלוק, פון גוט יודיש צו שלעכט דייטש.)

היינט־זשע דאָס דריטע: וואָס אַ פאָלק מוז האָבען, די אייגענע קולטור, האָבען די יודען, נאָך דער מיינונג פון דר. נוסבוים, אויך נישט. קולטור הייסען אייגענע מנהגים, אייגענע אמונה, אייגענע געזעצע און לסוף די בילדונג. פון דעם אַלעם האָבען די יודען אייגענטליך נור די אמונה. די מנהגים זענען פערשיעדען: למשל אין פראַנקרייך לייגען די יודען נישט קיין עירוב און בעגראָבען די טויטע אינאיינעם מיט די קריסטליכע און ביי אונז איז פערקעהרט (אַ שעהנע ראיה!). די בילדונג און די געזעצע זענען אויך פערשיעדען פון לאַנד צו לאַנד, בלייבט טאַקי נור די אמונה. דאָ ווערט דער דר. נוסבוים גאָר משונה פרום און הייבט זיך אָן צו בייזערן אויף די ציוניסטען, וואָס ווילען דאָס לשון־הקדש מאַכען פאַר אַ שפּראַך: „די שפּראַך איז הייליג" — שרייט דר. נוסבוים מיט פייער — „זייד זי נישט מחלל, זי זאָל בלייבען הייליג" (דאַמיט מען זאָל זי נישט דאַרפען פערשטעהן, אזוי ווי עס איז טאַקי ביז אַהער!) ·פערגעסט נישט, אַז די אש פון אייערע טאַטעס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער ערד" (נו, און אַז מיר רעדען שוין פון אַש וואָס איז עפּעס מכח די „טאַטעס" און די זיידעס. וואָס ליגען אין דער מערת המכפלה ?)

דעם לאַנגען שמיעס, האָט דער דר. נוסבוים אַ נאָמען געגעבען: „עס איז שוין העכסטע צייט..." וואָס איז שוין העכסטע צייט ? פרעגען מיר, אזוי צו טהון, אזוי ווי יענער דר. נוסבוים האָט געטהון, וואָס האָט זיך ארויס־געשטעלט פאַר עטליכע יאָהרען מיט אַ אַרטיקעל קעגען די ציוניסטען און באַלד דערויף האָט ער זיך געשמד'ט ? צו אפשר זענט איהר טאַקי דער איינענער, העד דאָקטאָר נוסבוים ? מיר זענען נישט בקי אין אייער משפחה נור אייער פרומקייט איז אונז זייער פערדעכטיג. אַלע משומדים ווערען פרומע גוים. נור, סיי ווי סיי, וואָלט שוין טאַקי געוועזען, ווי איהר זאָגט, די העכסטע צייט — אַז מענשען וואָס קענען נישט דאָס יודישע פאָלק און וואָס לעבען נישט זיין לעבען, זאָלען זיך נישט אריינמישען אין יודישע זאַכען און זאָלען אונזער הייליגקייט נישט מחלל זיין דורך דער בעריהרונג מיט זייערע פרעמדע און אומגעלומפערטע קאַלטע הענד. דאָס וואָלט שוין באמת געוועזען די העכסטע צייט.

*

## די יודיש־פוילישע אסימילאַציע אין ציפערן.

אויס אַ בריעף צום „פריינד" נעהמען מיר ארויס אָט די מיטטיילונגען:

די רעזולטאַטען פון דער פאָלקסצעהלונג פון יאהר 1897 בעווייזען, אַז די איינוואוינער אין וואַרשויער גובער־ניע זענען איינגעטיילט נאָך די נאַציאָנען נאָך אַזאַ אופן:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פּאָליאַקען | . . . . | 76,86 | פּראָצענט |
| יודען | . . . . | 16,96 | „ |
| דייטשען | . . . . | 4,12 | „ |
| רוסען | . . . . | 1,73 | „ |
| די איבעריגע | . . . . | 0,33 | „ |

די צאָהל יודען, וואָס זענען אויסגערעכענט אין דער טאַבעלע, בעטייט יענע יודען, וואָס האָבען אָנגעגע־בען אַלס זייער מוטער־שפּראַך—זשאַרגאָן.

לאָמער די צאָהל בעטראַכטען נעהנטער. אין וואַר־שויער גובערניע וואָהנען 351,942 יודען. דאָס מאַכט אויס 18,22 פּראָצענט פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. פון זיי רעדען 317,169 זשאַרגאָן און 34,773 אַנדערע לשונות. עס געפינען זיך אַלזאָ אין וואַרשא 1'9 איינס און ניין צעהנ־טעל פּראצנט אַסימילירטע יודען.

טאָמער אָבער מיינט איהר, אַז ווען דער יוד שמד'ט זיך גאָר אַוועק, ווערט ער שוין פּטור פון זשאַרגאָן, איז דאָס אויך במחילה אַ טעות. אָט נעהמט די ציפער:

לויט זייער אמונה נאָך זענען די יודען, ד. ה. די, וואָס האָבען אָנגעגעבען זשאַרגאָן אַלס מוטערשפּראַך איינ־געטיילט אויף אַזאַ אופן:

| | | |
|---|---|---|
| יודען - יודען | 99,87 | פּראָצענט |
| יודען - פּראַוואָסלאַווגע | 0,02 | „ |
| יודען - קאַטויליקען | 0,10 | „ |
| יודען - פּראָטעסטאַנטען | 0,01 | „ |

די מערקווירדיגע גלות־טאַבעלע ווייזט אונס אַז ווען אפילו איינצעלנע פּערזאָנען געהען אַוועק פון דעם יודישען גלויבען, געהען זיי נישט אַוועק פון דער יודישער שפּראַך. דער פערפלוכטער „קוגעל־לשון, וואָס האָט אפילו קיין גראַמאַטיק נישט" געהט זיי נאָך אפילו ביז אין פוילישען קאָסציאָל און אין פּראַוואָסלאַווגע סאָבאָר.

פון די 34,733 אַסימילירטע יודען זענען 34,051 אין וואַרשא, די איבריגע 722 אויסער וואַרשא. די סיבה דערפון איז לייכט צו פערשטעהן און זי בעווייזט אויך, ווי ווייט נאַריש און קינדיש עס זענען די שמיעסען וועגען דער אַסימילאַציע פון די יודישע פאָלקס־מאַסען.

---

# די וואַהלרעכטס־בעוועגונג.

פערשיעדענע סבות האָבען פעראורזאַכט, אַז די פראַגע פון דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט איז יעצט כמעט אין גאַנץ גאַליציען ביי יעדען מענש אין מויל. שוין די קאָנסטיטוציע פון דעם רוסישען מיניסטער בוליגין, וועלכע האָט געשאַפען פיר רוסלאַנד עפּעס אזוי ווי אַ פּאַרלאַמענט וואָס רופט זיך אַ „דומא". האָט געגעבען דעם אָנהויב צו גרויסע און שטאַרקע וכוחים איבער דעם רוסישען וואַהל־רעכט סיי אין רוסלאַנד סיי אין אויסלאַנד. אַ שטאַרקער ווידערהאַל פון די וכוחים איז אויך געוועזען אין דער גאַנצער גאַליצישער פּרעסע. צו דעם איז אָבער אין די לעצטע צוויי חדשים צוגעקומען נאָך אַ נייע אורזאַכע, וועלכע האָט פיעל שטערקער געווירקט אויף דעם גאַליצי־שען פאָלק, ווייל זי איז אַ היימישע.

אין אונגאַרן פיהרט זיך שוין העכער 2 יאָהר אַ אָפענער קאַמפף צווישען דעם קעניג און דעם פּאַרלאַמענט וועגען נאַציאָנאַליזירען פון דעם אונגאַרישען מיליטער, ד. ה. די קאָמאַנדאָ זאָל אַרויסגעהען אויף אונגאַריש און נישט ווי ביז אַהער אויף דייטש. און דורך דעם האָפען די אונגאַרן, אַז זייער מיליטער, וואָס איז היינט נאָך איינס מיט דעם עסטערייכישען מיליטער, וועט ווערען זעלבסט־שטענדיג און דורך דעם מיליטער וועט טאַקי די גאַנצע מלוכה ווערען זעלבסטשטענדיג און עס וועט זיך אויפהע־רען דאָס שתפות מיט עסטערייך. ווייל דער קייזער פון עסטערייך וויל צו דעם נישט דערלאָזען, ווייל ער ווייסט, ווי שעדליך פאַר דער מלוכה עס וואָלט געוועזען, ווען זי ווערט גאַנץ צעבראָקעלט, בונטאָווען זיך די אונגאַרישע מאַגנאַטען און פּריצים און ווילען דורכאויס דורכזעצען זייערס, האָטש עס איז נאָך נישט זיכער, צו דאָס גאַנצע פאָלק איז מסכים צו זיי, ווייל געוועהלט זענען זיי נישט פון דעם גאַנצען פאָלק, נור פון וועניג פּריווילעגירטע וועה־לער. דער אונגאַרישער מיניסטער־פּרעזידענט האָט דעם קייזער געגעבען אַיין עצה, ער זאָל זיין צושטימונג געבען צו דער איינפיהרונג פון דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט אין אונגאַרן, דעמאָלט וועט זיך דאָס פאָלק אָבזאָגען פון זיינע ביזהעריגע פערטרעטער און מען וועט וועהלען נייע אָב־געאָרדנעטע, וועלכע וועלען זיך נישט שטעלען אויף דער אונגאַרישער קאָמאַנדאָ־שפּראַכע. דער קייזער איז דערויף איינגעגאַנגען אָבער נישט באַלד, וואָרום באַראָן גויטש, דער עסטערייכישער מיניסטער־פּרעזידענט האָט נישט גע־וואָלט דערויף איינגעהען, מורא האָבענדיג, אַז אין עסטער־רייך וועט מען דאָס אייגענע פערלאַנגען. וכן הוי עס איז טאַקי אַזוי געוועזען. די פעלקער אין עסטערייך זענען געוואָהר געוואָרען פון די רייד פון זייער מיניסטער און האָבען אָנגעהויבען צו פערלאַנגען דאָס אַלגעמיינע וואַהל־רעכט. אין עסטרייכישען רייכסראַט האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען אַנטרעגע פון אַלע פּאַרטייען (נור דער פּוילען־קלוב נישט), מען האָט אָנגעהויבען צו מאַכען פערזאַמ־לונגען און דעמאָנסטראַציעס אין אַלע גרויסע שטעט.

אין לעמבערג איז געוועזען אַ גרויסע יודישע אַרבייטער־פערזאַמלונג וועגען דער פראַגע. אין קראָקוי האָט די יודישע סאָציאַליסטישע פּאַרט„ געמאַכט דעם ערשטען טאָג סכות אַ גרויסע פערזאַמלונג אין האָטעל „קליין", ביי וועלכער ה' ראָזע האָט געפיהרט דעם פאָרזיץ און ה' בראָס, גראָסמאַן, בלום פון די סאָציאַליסטען און קענער פון די פּועלי־ציון האָבען גערעדט. עס איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציע פיר דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט, האָטש די יודיש־פּוילישע סאָציאַליסטען האָבען חשק געהאַט די פערזאַמלונג צו שטערען. דעם צווייטען טאָג סכות אין דער פריה איז ווידער געווען אַ גרויסע פאָלקס־פערזאַמלונג און אַ דער־מאָנסטראַציע אין קראקוי, ביי וועלכער עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישען די אַרבייטער און דער פּאָ־ליציי און עס זענען מענשען פערהאַפטעט און פערוואונ־דעט געוואָרען.

נור אַזאַ גרויסאַרטיגע ,דעמאָנסטראַציע, ווי עס איז געוועזען מאָנטאג (אסרו־חג) אין לעמבערג איז אפשר אין גאַליציען נאָך נישט געזעהען געוואָרען. אַ טאָג פריהער האָבען די סאָציאַליסטען איינבערופען אימעטום פערזאַמ־לונגען און מען האָט געשיקט דעלעגאַטען קיין לעמבערג. אין לעמבערג האָבען זיך מאָנטאג פערזאַמעלט אין גאָס אַ סך טויזענדער מענשען און די גאַנצע שטאָט האָט פאַרמיטאג גערוהט. אַ דעפּוטאַציע געפיהרט פון דעם אבג. דאַשינסקי איז געגאַנגען צום שטאַטהאַלטער און צום לאַנדמאַרשאַל און פאָרגעלעגט אַ פּעטיציע וועגען וואַהל־רעכט. די דעמאָנסטראַציע איז געוועזען רוהיג און אָרדענ־טליך און האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. דער גאַליצישער לאַנדטאַג וועט זיך גלייך מיט אַלע אַנדערע סיימען באַלד מוזען בעשעפטיגען מיט דעם וואַהלרעכט, די זאַך מוז אונז יודען אינטערעסירען ווייל עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען וואַהלרעכט פון פיעלע יודישע בירגער. מיר וועלען זיך בעשעפטיגען מיט דעם פערהעלטנים פון די יודען צו דעם אַלגעמיינעם וואַהלרעכט אין אַ בעזונ־דערען אַרטיקעל. דערווייל ווילען מיר דאָ אַנידער־שטעלען פאַר דעם לעזער דאָס היינטיגע וואַהלרעכט, וואָס שענקט אונז אַבגעאָרדנעטע אַזוי ווי ביק, ראַפּאַפּורט קאַלישער, לעווענשטיין וכדומה.

*

## די „גערעכטיגקייט" פון דעם עסטרייכישען וואַהלרעכט.

אַלס מוסטער נעהמען מיר דאָס וואַהלרעכט פון גאַליציען צו דעם וויענער רייכסראַטה, ווייל דאָס איז ביי אונז דאָס ווייטעסטע. אַ סך ווייטער ווי דאָס וואַהלרעכט צום לעמבערגער סעים.

נאָך דער פאָלקסצעהלונג פון דעם יאהר 1900 איז דאָ אין גאַליציען 7,295,538 איינוואָהנער. דערפון האָבען סך־הכל 1,904,311 דאָס וואַהלרעכט, און וועהלען סך־הכל 78 גאַנצע אבגעאָרדנעטע. דאָס הייסט עס קומט אויס איין אבגעאָרדנעטער אויף 93,532 איינוואָהנער און אויף 24,414 וועהלער. לאָמיר זיך אָבער צו קוקען צו דער פערטיילונג פון די מאנדאטע, וועלען מיר דערזעהן עפּעס שעהנס:

עס זענען פאַרהאַן, ווי בעקאַנט, 5 קוריען. די ערשטע קוריע (גראַסגרונדבעזיץ) האָט 2188 וועהלער און זיי וועהלען 20 אַבגעאָרדנעטע (100 וועהלער האָבען איין אבגעאָרדנעטען).

די צווייטע קוריע (האַנדעלסקאַמערן) האָט 95 וועהלער, וועלכע האָבען 3 אַבגעאָרדנעטע (כמעט 30 וועהלער איין אַבגעאָרדנעטען).

די דריטע קוריע (שטעט) האָט 40,228 וועהלער און 13 אַבגעאָרדנעטע (3094 וועהלער האָבען איין אַב־געאָרדנעטען).

די פירטע קוריע (דערפער) האט 536,800 וועהלער און 27 אַבגעאָרדנעטע (19,800 וועהלער האָבען איין אַב־געאָרדנעטען).

און די פיפטע קוריע האָט 1,325,000 וועהלער און 15 אבג. (170,000 וועהלער — איין אַבגעאָרדנעטער).

דאס אומרעכט, וואָס צווישען די איינצעלנע קוריען, איז אויך פאַרהאַן צווישען די איינצעלנע לענדער, אַזוי האָט למשל בעהמען וועניגער איינוואָהנער פון גאַליציען און אַנדערטהאַלבמאָל אַזוי פיעל אַבגעאָרדנעטע.

צולעצט מוזען מיר נאָך בנוגע צו יודען צוגעבען, אַז יודען רעכענט מען אין גאַליציען אַ ערך פון 800,000 ד. ה. מעהר ווי אַ צעהנט חלק איינוואָהנער, וואָלט זיי

נעקומען ע"פ יושר חאטש א צעהנטעל אבגעארדנעטע, דאס מאכט אוים 8 אבגעארדנעטע. לסוף האבען זיי קוים מיט לייד פינף און צו זענען די פינף—יודען? זיי זענען עס נור דעמאלט, ווען מען בעליידיגט זיי.

*

## די וואהלרעפארם אין גאליציישען לאנדטאג.

דער לאנדטאגס־אבגעארדנעטער וואיהינגער האט אים נאמען פון דעם דעמאקראטישען קלוב געשטעלט די וואך א אנטראג, די צאהל פון אבגעארדנעטע זאל פערמעהרט ווערען. ביז אהער זענען דא 161 אבגעארדנעטע, דאפון 12 שטענדיגע (וויריליסטען) ד. ה. וועלכע ווערען נישט געוועהלט נור קומען אריין דורך זייער אמט, למשל א בישאף אדער א רעקטאר פון אוניווערזיטעט. דער רעשט 149 זענען געוועהלט. איצט פערלאנגט דער אנטראג, אז עס זאלען זיין 208 אבגעארדנעטע אויף דעם אופן:

די ערשטע קוריע (גראסגרונדבעזיץ) בלייבט ביי איהרע 44 פערטרעטער.

די צווייטע קוריע (שטעט) ווערט פערמעהרט מיט 13 (דאפון לעמבערג 4 נייע און קראקוי 2 נייע) סך־הכל זאלען זיין 41 מאנדאטען.

די דריטע קוריע (האנדעלסקאמערן) זאל פערמעהרט ווערען מיט 5 (לעמבערג 2 נייע און קראקוי 2 נייע, בראדי איין נייעס אבגעארדנ.) סך־הכל זאלען זיין 8 פערטרעטער.

די פיערטע קוריע (שטעטליך און דערפער) זאל בעקימען 5 פרישע מאנדאטען. סך־הכל זאלען זיין 79 פון דער קוריע,

צולעצט זאל געשאפען ווערען א פ י נ פ ט ע  ק ו ר י ע מיט נייע 24 מאנדאטען, וואס יעדער מאנספארשוין, וואס ווערט 24 יאהר אלט זאל האבען דאס וואהלרעכט, וועלכעס דארף איבערהויעט זיין געהיים.

---

# א עפענטליכע פערזאמלונג פון די קראקויער האנדעלס־אנגעשטעלטע.

זונטאג, דעם 22 אקטאבער איז געוועזען א עפענטליכע פערזאמלונג פון די קראקויער האנדעלסגעהילפען מיט דער טאגעסארדנונג: די זונטאגסרוהע און די פערקירצונג פון דער ארבייטסצייט.

אויף דער פערזאמלונג איז געקומען א האלב מנין קריסטליכע געהילפען און א ערך פון צוויי הונדערט יודישע. נאך א קורצען קאמפף ביי דער וואהל פון א פארזיצענדען, וואו ביידע צדדים, ציוניסטען און סאציאליסטען האבען געוואלט דורכזעצען זייער קאנדידאט, און וואו דער איינבערופער, דער סוחר א י נ נ א ץ  ג ר א ס (איינגענטהימער פון דעם נעה־מאשינען־רעפאראטור־געשעפט אין דער אלט־ווייקסעל גאס און פ א ט ע נ ט י ר ט ע ר „פוילישער" ס א צ י א ל י ס ט) האט בעוויזען די בעקאנטע פארטיי־קונצען — איז געוועהלט געווארען צום פארזיצענדען ה' יאראש (א פאראדע־גוי).

ה' ג ר א ס האט רעפערירט איבער דער זונטאגס־רוה. איהר מיינט אודאי, אז ער האט גערעדט קעגען דער זונטאגסרוה, אז ער האט גערעדט געגען דעם אונרעכט וועלכעס צווינגט די יודען צו א דאפעלטען רוה־טאג און וועלכע רואינירט דעם יודישען האנדעל? אויב איהר מיינט אזוי, זענט איהר אייך טועה. איהר מוזט בעסער קענען אונזערע „פוילישע" סאציאליסטען. מיט התלהבות האט דער „פוילישער" סאציאליסט ר' י צ ח ק  ג ר א ס בעוויזען, אז נור די זונטאגס־רוה איז גוט פאר'ן יודישען האנדעלס־געהילפען, ווייל נור זונטאג קען דער אנגעשטעלטער זיך „א ו נ ט ע ר ה א ל ט ע ן", פאהרען אויף פעסטען, און געהען אויף קאנצערטען. די פערזאמלונג האט אויך אנגענומען א רעזאלוציע אין דעם זין.

פון ציוניסטישער זייט האבען גערעדט די הערען ל י י נ ק ר א ם, ז י ל ב י נ ג ע ר, נ ו ס ב ו י ם און פריילין ה ע ר ש ט י י ן. זייערע זאכליכע און איבערציינגענדע ארגומענטען האבען דא נישט געהאלפען. די רעזאלוציע פון די ציוניסטישע אנגעשטעלטע, וועלכע פערלאנגט אויך א 36־שטונדיגען רוה־טאג, נישט דוקא זונטאג, איז דורכגעפאלען.

א זעהר נישט אויפריכטיגע און פאלשע ראלע האבען געשפיעלט די „סעפעראטיסטען" (ד. ה. די כלומרשט יודיש־יודישע סאציאליסטען). חאטש איינער פון זיי האט אפען ערקלערט פאר די ציוניסטען, אז זיין פארטיי נעמט אין דער פראגע אזא שטעלונג איין, ווי מיר, און ער האט אויך געבעטען, אז אונזער רעדנער זאל דאס ערקלערען — טראטצדעם האט דער איינציגער סעפעראטיסט, וואס האט גערעדט אויף דער פערזאמלונג, נישט געהאט עפעס בעסערעס צו זאגען, נור, אז די ציוניסטען זענען פייגע, איבערגעשראקענע מענשען.

דאס האבען די ציוניסטען נישט צוגענומען מיט שווייגען. דאס ארומווארפען מיט שקרים און בעליידיגונגען איז שוין א צווייטע נאטור ביי די הערען סעפאראטיסטען. מיר קענען נאך צופריעדען זיין, וואס זיי דערצעהלען נישט, אז ציוניסטען עסען לעבענדיגע קינדער.

„די ציוניסטען זענען פייגלינגע" — פאר וואס? ווייל פינף זייערע רעדנער האבען געהאט דעם מוטה אויף א עפענטליכער פערזאמלונג דייטליך זייער שטאנדפונקט קלאר צו מאכען. מן הסתם געהערט א גרויסער מוטה דאצו, אום צו ערקלערען, אזוי ווי דער סעפאראטיסטישער רעדנער האט געטהון, אז „אין דער פראגע פון דער זונטאגס־רוה קען מען דענקען אזוי — און מען קען דענקען אזוי". דייטליך און קלאר, הא? — און דערנאך שטימען די הערען צוזאמען מיט די פוילישע סאציאליסטען געגען זייער איינענע איבערציינונג. באמת, העלדען! די יודישע סאציאליסטען האבען דא ווידער אמאל געוויזען זייער ענגהערציגען פארטיי־פאנאטיזמוס. און אז זייער ראדיקאליזמוס וועט שאדען די ברייטע יודישע מאסען — יא, דאס געהט זיי גישט אן.

דער צווייטער פונקט פון דער טאגעסארדנונג איז נישט ערלעדיגט געווארען. ערשטענס איז דער רעפערענט ה' יאראש שוין פריהער געהאט אוועקגעגאנגען און צווייטענס האט דער קאמיסער אויפגעלעזט די פערזאמלונג וועגען א גרויסען לארם, וואס איז אויסגעבראכען.

נאך איין בעמערקונג: ווערהענד די ווילדע ליארמסצענען האבען די סאציאליסטען געשריגען אהן א אויפהער: „קיין אוגאנדא! קיין אוגאנדא!" דאמיט האבען זיי, דאכט זיך, געמיינט חוזק צו מאכען פון דעם שריפטפיהרער פון דער פערזאמלונג. דאס איז געוועזען א רעדאקטער פון דעם סטראדאם, וואס האט דורך עטליכע וואכען ארויסגעגעבען א בלעטעל פאר קאלאניזאציע פון אוגאנדא און נאך אנדערע מדינות. היינט איז דער „אוגאנדיסט" געוועזען דוקא פיר פולע זונטאגס־רוה. (אפשר דערפאר, ווייל דער סוחר ג ר א ס דארף איהם האבען אויף זונטאג צו זיין „אונטערהאלטונג").

A. Elsche.

---

# א „פוילישע" פרויענפערזאמלונג אין קראקוי.

שמחת־תורה, דעם 21 אקטאבער נאכמיטאג איז געוועזען אין קראקויער צירקוסגעביידע א גרויסע פוילישע פרויענפערזאמלונג, וועלכע איז איינבערופען געווארען פון דעם פוילישען פרויענקאנגרעס, וואס האט שטאטגעפינען אין די לעצטע טעג אין קראקוי. די פערזאמלונג איז טאקי געוועזען גרויס, נור נישט קיין פרויענפערזאמלונג (דאס רוב זענען געוועזען מענער), און נישט קיין פוילישע, (דאס רוב זענען געוועזען יודען, וואס זענען זיך געקומען שמחת־תורה אונטערהאלטען אין צירקוס אריין). מען האט גערעדט איבער פרויענרעכט, איבער וואהלרעכט, איבער דער פראסטיטוציע און די מיטלען קעגען איהר. לסוף אויך איבער דער ארבייטערפראגע. אויסגעצייכנעט האט זיך, ווי עס איז נישט געווען אין א יודישער פערזאמלונג אנדערש צו ערווארטען, א יודינע, פרוי דר. א ס ת ר  ג א ל ד ע. אסתר גאלדע שטאמט פון רוסלאנד, וואהנט אין פרייסען און איז געקומען קיין קראקוי שעהן רעדען (דאס געבען מיר גערן צו!) איבער פערשיעדענע פראגען און צולעצט א ביסעל זידלען די ציוניסטען און ווארפען אויף זיי פערליימדונגען און שקרים. די ציוניסטישע מעדכען וואס זענען געווען אויף דער פערזאמלונג האבען נעגען די שקרים אזוי הויך פראטעסטירט, אז מען האט די פערזאמלונג אויפגעלעזט. מאנטאג האבען זיי געדרוקט א אויפרוף, אין וועלכען זיי ווייזען נאך די פאלשקייט און די ליגען פון דער דר. גאלדע, וואס האט אויפגעפאדערט אויסצוטרעטען פון די ציוניסטישע און איינצוטרעטען אין די סאציאליסטישע ארבייטערפראיינע.

דער פראטעסט, וואס איז געוועזען אונטערגעשריעבען פון דעם פעראיין „יהודית" האט געמאכט א שטארקען רושם אין שטאט און אין דער פרעסע.

---

# מיטטיילונגען פון דעם ציוניסטישען דיסטריקטס־קאמיטעט פיר מערב־גאליציען.

## דר. עוזר קאהעש.

א שווערער פערלוסט האט די ציוניסטישע וועלט־ארגאניזאציע געטראפען. שמיני־עצרת איז דאס מיטגליעד פון דעם גרויסען אקציאנס־קאמיטעט, דער וויענער אדוואקאט דר. עוזר קאקעש נאך א לאנג און שווער ליידען געשטארבען. ער איז א בראדער קינד געוועזען, וואס איז אין יונגע יאהרען אלס ארימער שטודענט קיין וויען געקומען און האט זיך און זיין אלטע מוטער דורך אייגענער ארבייט אויסגעהאלטען. ער איז באלד צוגעשטאנען צו די יודישע־נאציאנאלע קרייזע, וואס האבען זיך געזאמעלט ארום פרץ סמאלענסקי און איז געוועזען איינער פון די גרינדער פון דעם פעראיין „קדימה" אין וויען. ער האט געטריי געדיענט דער ציוניסטישער אידעע ביז צו דעם אויפטרעטען הערצלס, וועלכער האט איהם גענומען אלס איינעם פון זיינע נעהנטסטע פריינד און בעראטער. ער איז געוועזען הויפטקאסירער פון דעם אקציאנס־קאמיטעט, נור עס איז נישט געוועזען קיין שום ארבייט אין ציוניזמוס, וועלכע זאל זיין פאר איהם צו שווער. אין די וויכטיגסטע יוריסטישע פראגען האט ער געארבייט און די ווייטעסטע רייזען האט ער געמאכט, נישט קוקענדיג אויף קיין אפפער אן צייט און געלד. ער איז געוועזען א זוהן פון דעם יודישען פאלק, אבער אויך — היינטיגע צייטען מוז מען דאס זאגען — זיין פריינד און ליעב־האבער. אין די שענסטע יאהרען איז ער ארויסגעריסען געווארען פון דעם ארבייטס־רייכען לעבען. עהרע זיין אנדענקען!

---

I. אין זיין זיטצונג פון דיענסטאג דעם 11. תשרי תרס"ו האט דער ציוניסטישער דיסטריקטס־קאמיטעט פיר מערב־גאליציען בעשלאסען:

1) צו עמפפעהלען די ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין וועסט־גאליציען, זיי זאלען, וואס נור מעגליך, אונטערשטיצען דאס וואכענבלאט דער „יוד" סיי דורך זאמלען אבאנענטען און פערקויפען איינצעלנע נומערן, סיי דורך שרייבען ארטיקלען און קארעספאנדענציעס פון שטעט און שטעטליך, בפרט בעריכטע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

2) צו דרוקען אלע זיינע צירקולארען און אויך וויכטיגע ידיעות פון אנדערע ציוניסטישע קאמיטעטען אין דעם „יוד".

II. איינינגע פעראיינע און פערטרויענסמענער וואס האבען ביזיעצט קיין בעריכט נעגעבען, פאדערן מיר צום לעצטען מאל אויף, אהן זוימניש אויף דעם לעצטען אויפרוף פון דעם ד. ק. אויספיהרליך צו ענטפערן, די פ א ר ט י י־ש ט י י ע ר נ ע ל ד ע ר תיכף איינצושיקען, און זייער מיינונג צו זאגען וועגען איינבערופונג פון דער ד י ס ט ר י ק ט ס־ק א נ פ ע ר ע נ ץ און איהר ט א ג ע ס א ר ד נ ו נ ג.

III. אין די לעצטע טעג איז אין בערלין ערשיענען א נייע אויסגאבע פון „ה ע ר צ ל'ס  צ י ו נ י ס ט י ש ע  ש ר י פ ט ע ן". דער פרייז פון איין עקזעמפלאר איז נור 4 קראנען 20 העלער. דאס ווערק איז צו בעקומען ביים ד. ק. אין קראקוי. געלד מוז פאראוים געשיקט ווערען.

IV. אלע דריי גאליצישע דיסטריקטס־קאמיטעטען האבען זיך געאייניגט און בערופען אויף זונטאג, דעם 29

## שמואל שפירא קראקוי גראדגאססע 4.

מאדעוואארען־געשעפט אין ענגראס אונד דעטאיל

גראסעס לאגער אין דאמענהיטען אונד אויפפוטץ.

גרעסערע אבנעהמער האבען איינען בעדייטענדען ראבאט.

פיר מאדיסטינען בעזאנדערס עמפפעהלענסווערטה.

פאפיער־האנדלונג און דרוקסארטען־פערלאג

## ר. אלעקסאנדראוויטש, קראקוי

גרויסע אויסוואהל פון ביוראָ־ארטיקעל און שרייבערעקוויזיטען

מאטעיקא־פלאץ נר׳ 1 האטעל צענטראל

טעלעפאן 311. גענרינדעט 1878.

### Ch. F. Leistner
Kraków, ulica Grodzka l. 40.

poleca swój obfity
SKŁAD TOWARÓW MODNYCH.
**SPECYALNOŚCI**
w guzikach i paskach damskich.

### ח. פ. לייסטנער
קראקוי, גראדגאססע 40

עמפפיעהלט זיין רייכהאלטיגעס לאגער אין מאָדע-וואַרען

בעזונדערע שפעציאליטעטען
אין קנעפפען און דאמענגירטעל.

## M. M. TAFFETA NASTĘP.

**KSIĘGARNIA ANTYKWARSKA**
skład instrumentów muzycznych
w Krakowie Szpitalna 8.
poleca swój
największy skład książek naukowych szkolnych pomocniczych, oraz instrumentów muzycznych.

אנטיקווארישע בוכהאנדלונג
לאגער פון מוזיקאינסטרומענטען
אין קראקוי, שפיטאלגאסע 8.
עמפפיעהלט איהר גרעסטעס לאגער פון
שול־, לעהר־ אונד הילפס־ביכער
זאָווי מוזיק אינסטרומענטע.

## „DIE WELT‘
Zentralorgan des Zionismus
erscheint jeden Freitag

Redaktion u. Administration:
**Wien, IX. Türkenstrasse Nr. 9**

Abonnement
vierteljährig 3 Kronen

## „JÜDISCHE VOLKSSTIMME“
erscheint am 1 und 15 jedes Monats.

Redaktion u. Administration:
**Brünn, Adlergasse 9.**

Abonnement: halbj. K. 2·60 ganzj. K. 5.

פירמא קאהלען אימפארט

## יוליוס שעוועטער

קראקוי טעלעפאן 278

עמפפיעהלט קאהלען צו ענטשפרעכענדען פרייזען, ענגראס אונד ענדעטאיל, שטיק אונד וויירפעל, I פרימא קריסטינא קאהלע — II באַרי — III יאוואָרזנער — IV שירשער קאהלע.

## שלום פיטצעלע, קראקוי לוביטש נר. 3 (נעגענאיבער דעם באהנהאף).

דאס ביליגסטע און רייכהאלטיגסטע מאגאזין פון

שניט־סחורה, דאמען אונד הערדקאנפעקציאן, וועשע, קראוואטען, שירמע, נירנבערגער ווארען אונד שניידער־צוגעהערע, שוהע, קאלאשען, רייזע־קאפער און טאשען.

פון איינקייפע אויף פערלאנגען 2% פיר „יוד. נאציאנאלפאנד“.


Wydawca i odpowiedzialny redaktor **Schulim Pitzele**. Drukiem Józefa Fischera w Krakowie, Grodzka 62